# די פאַרגעשיכטע

דער רעפּערטואַר אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט זיך אנגעהויבן מיט גאָלדפאַדנס פּיעסן, איז קורץ דערויף אַריבער אין די הענט פון „פּראָפ.“ הארוויץ און לאַטיינער, האָט דורכגעמאַכט די רעוואָלוציע פון יעקב גאָרדין און זיינע נאָכגייער לעאָן קאָברין און ז. ליבין, און דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע עפּאָכן פון היסטאָרישע מעלאָדראַמעס און געזאַנגשפּילן, לעבנס־פּיעסן, אָפּערעטן און וואָדעוויל, אָבער די גאַנצע צייט האָט זיך אָפּט דורכגעריסן אַ פּיעסע פון אַזעלכע יידישע דראַמאַטיקער ווי שלום־עליכם, אש, פּרץ א'א און איבערזעצונגען פון די מאָדערנע דייטשע און רוסישע דראַמאַטיקער, עלטערע פראַנצויזישע און סקאַנדינאַווישע פּיעסן־שרייבער ביז צו מאָליער און שעקספּיר. אָט דער בעסערער רעפּערטואַר איז אָבער על פּי רוב ניט געגעבן געוואָרן אין ריכטיקע איבערזעצונגען, נאָר שטאַרק באַאַרבעט, וווּלגאַריזירט, און איז געווען ניט אָפּגעטיילט פון דעם גאָר ביליקן רעפּערטואַר. אַ טעאַטער האָט געקאָנט היינט שפּילן ערשטקלאַסיקן שונד און צומאָרגנס אַ פּיעסע פון אַ וועלט־באַרימטן דראַמאַטורג אָדער אַן אָריגינעלן יידישן דראַמאַטיקער. די פּיעסן זיינען ניט רעזשיסירט געוואָרן פּאַכמעניש לויט אַ רעזשיסעריש פאַרטראַכטן פּלאַן, נאָר פון דעם סטאַר אָדער דירעקטאָר. וועגן ספּעציעלע קאָסטיומען אָדער דעקאָראַציעס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד, ווייל דער צוגאַנג צו אָט דעם רעפּערטואַר איז ניט באַנומען געוואָרן אַנדערש ווי צו דעם טאָג־טעגלעכן ביליקן רעפּערטואַר.

אין אונטערשייד צו אייראָפּע, ווו דאָס פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער האָט געמאַכט פּרווון פון אָפּגרענעצן שונד פון דער ריינער דראַמע (דאָס פּרץ הירשביין טעאַטער, די ווילנער טרופּע) און די אַמאַטאָרן גרופּעס, וואָס האָבן נאָר טיילווייז אונטערשטיצט דער דאָזיקן קאַמף, האָט אין אַמעריקע, דעם הויפּט קאַמף קעגן שונד אויף דער יידישער בינע און דעם הפקרדיקן צוגאַנג צום בעסערן רעפּערטואַר, ניט געפירט קיין איינע פון די פּראָפעסיאָנעלע יידישע בינעס, נאָר דער גאַנצער עול פון דעם קאַמף איז דאָ געלעגן אויף די שוואַכע אַקסלען פון די פאַרשיידענע ליבהאָבער גרופּעס אין ניו־יאָרק, שיקאַגע, קליוולאַנד און אַנדערע אַזעלכע פּלעצער.

אין דער זעלבער צייט האָט אָבער דאָס פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער אַרויסגעבראַכט קערנדיקע, זאַפטיקע טאַלענטן, וואָס האָבן ווי געפילט, אַז אין דעם לייכטן און שונד־רעפּערטואַר האָבן זיי ניט קיין מעגלעכקייטן (ס'רעדט זיך דאָ פון נאָך דער גאָרדין־עפּאָכע, וואָס האָט אָט די שוישפּילער אַרויסגעשווענקט אויף דער אויבערפלאַך) ווי געהעריק זיך צו אַנטוויקלען. איינער פון אָט די שוישפּילער איז געווען דער דעמאָלט נאָך זייער יונגער אַקטיאָר מאָריס שוואַרץ. ער איז ניט, ווי די אַנדערע עלטערע קאָלעגן, געקומען אַ פאַרטיקער אַקטיאָר פון אייראָפּע. ער איז דאָ אין



אָנהייב געווען בלויז „אַ טעאַטער־פּאַטריאָט“, און ערשט אַ ביסל שפּעטער האָט ער גענומען שפּילן אין אַמאַטאָרן־טרופּעס, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער פּראָווינץ־אַקטיאָר און זיך אויסגעלעבט אין דעם דעמאָלטיקן הפקר־רעפּערטואַר, ביז ער איז געקומען אין ניו־יאָרק, און דאָ, אין קרייז פון די דראַמאַטישע אַקטיאָרן, אָנגעהויבן זיין אמתע בינע־אַרבעט און געעפנט זיינע אויגן. שפּילנדיק דעם „נאָרמאַלן“ רעפּערטואַר האָט ער אָבער צו זיינע ערן־אָוונטן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן שטענדיק אויסגעזוכט צו שפּילן אַ לייטישע פּיעסע. אַזוי האָט ער נאָך אין 1912 איבערזעצט מענערס פּיעסע „דאָס הויז נעקסט דאָר“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין ליפּצין טעאַטער. אַ יאָר שפּעטער האָט ער אין „ראָיאַל“ טעאַטער אויפגעפירט זיין אייגענע פּיעסע „דער וואָלקן“. אין 1916, צו זיין ערן־אָוונט, טרעט ער אויף אַלס „אַסוואַלד“ אין איבסענס „גייסטער“, אַ יאָר שפּעטער שפּילט ער פּשיבישעווסקיס פּיעסע „דער טאַנץ פון ליבע און טויט“ און אין 1918 שפּילט ער „מעפיסטאָ“ אין געטעס „פאַוסט“.

עס וואָלט געווען אַ היסטאָרישער ליגן, אַז מאָריס שוואַרץ איז צוגעגאַנגען צום „אירווינג פּלעיס טעאַטער“ מיט אַ געניועם פּלאַן, מיט אַן אידעע, צו שאַפן דאָס, וואָס איז שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן אַלס „דאָס יידישע קונסט טעאַטער“. אָבער, אַז ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל, אַז ער דאַרף שפּילן אַן אַנדערן רעפּערטואַר ווי דאָס דעמאָלטיקע יידישע טעאַטער, איז קלאָר און פאַקטועל. עס האָבן דעמאָלט נאָך געלעבט אַ סך פון די עלטערע יידישע שוישפּילער, וואָס האָבן פאַרנומען די מזרח־וואַנד אין יידישן טעאַטער, און ווען אַפילו שוואַרץ איז געווען יונגער און באַזעסן געוויסערמאָס מער טעאַטראַלע און בינע־פעיקייטן ווי איינעקע פון זיי, האָט ער אָבער בשום אופן ניט געקאָנט קאָנקורירן קעגן זייער לאַנג־יאָריקער פּאָפּולאַריטעט און די צוגעוווינהייט פון ברייטן עולם צו זיי. שפּילן גענוי דעם זעלבן רעפּערטואַר וואָס זיי, אַפילו אונטער די בעסטע באַדינגונגען, אין אַ טעאַטער, ווו ער איז דער באַלעבאָס, וואָלט געווען אַ פּשוטער זעלבסטמאָרד. ער האָט געמוזט שאַפן עפּעס נייעס, וואָס איז אפשר פאַר אים אַליין געווען ניט קלאָר. דאָס איז גאַנץ דייטלעך צו זען פון דעם געמישטן רעפּערטואַר, וואָס ער האָט געגעבן אין די ערשטע סעזאָנען און דעם צוגאַנג צו די אויפפירונגען, וואָס זיינען שפּעטער אַוועק אויף גאָר אַנדערע וועגן. אויב אין די גאָר ערשטע סעזאָנען פון זיין גרויסער שאַפונג, „דאָס יידישע קונסט טעאַטער“, איז אָפּט דער רעפּערטואַר באַשטאַנען פון איינע אָדער צוויי פּיעסן אַ גאַנצן סעזאָן און אין די שפּעטערע יאָרן פון 6־8 פּיעסן אַ סעזאָן, זיינען אין ערשטן סעזאָן פון זיין טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן 34 פּיעסן, דערונטער 4 גאָרדין־פּיעסן, צו איינע פון ליבין, באָטוויניק און אַברהם שאָמער, 3 פּיעסן פון פּרץ הירשביין, (וואָס האָבן געגעבן דעם ריכטיקן טאָן פאַרן טעאַטער), פּיעסן פון שלום־עליכם, אָסיפ דימאָוו, משה נאַדיר און דוד פּינסקי און איבערזעצונגען פון בערנאַרד שאָו, קאַרל גוצקאָוו,

פרידריך שילער, הענריק איבסען, קאַרל שענהער, ל. טאָלסטאָי, אַרטור שניצלער, ה. זודערמאַן, ל. אַנדרעיעוו, סווען לאַנגע, סטרינדבערג און פּשיבישעווסקי. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ מבול פון פּיעסן האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד, אַז דאָס טעאַטער זאָל זיך אַוועקשטעלן באַלד אויף די ריכטיקע יסודות. קיין סך בעסער איז אויך ניט געווען דער צווייטער סעזאָן, וואָס האָט אין זיין רעפּערטואַר געהאַט 16 פּיעסן, דערונטער 5 גאָרדין־פּיעסן און נאָר איין שלום־עליכם פּיעסע „טוביה דער מילכיקער”, (וואָס האָט פאַרפעסטיקט דעם באָדן פון דעם טעאַטער). ערשט צום דריטן סעזאָן, וואָס האָט אויך געגעבן אויפפירונגען פון 14 פּיעסן אין וועלכע אַנסקיס „דיבוק” האָט פאָרטגעזעצט דעם פּרצוף פּנים פון דעם טעאַטער, האָט שוואַרץ אָנגעהויבן רופן דאָס טעאַטער „יידישער קונסט טעאַטער”, וואָס האָט פון סעזאָן צו סעזאָן אַלץ מער געשטיגן אין זיין פאַרנעם, כאַראַקטער און באַטייט, דערגרייכנדיק צום סאַמע שפּיץ פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע פאַר אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ.

דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, ב. גאָרין, גיט אַזוי איבער די פאָרגעשיכטע פון יידישן קונסט טעאַטער:

„מען האָט געדאַרפט ערוואַרטן, אַז די גרויסע (ערשטע) מלחמה, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די וועלט ... האָט אָפּגעטעמפּט דעם מענטשנס אַפּעטיט צו אַלץ, וואָס איז רויק, שטיל און פאַרשטענדלעך און געשאַפן ביי אים אַ באַגער נאָך עפּעס טומלדיקעס און רוישיקעס און כאַאָטישעס. מען האָט אויך געדאַרפט ערוואַרטן, אַז די בינע וועט זיין די ערשטע, וואָס וועט ווערן באַאיינפלוסט פון דער מלחמה און וועט אָננעמען די פאָרם און געשטאַלט וואָס די אויפגעטרייסלטע נערוון און צעהיצטע מוחות האָבן איר געדאַרפט געבן. אָבער דאָס איז מיט דער יידישער בינע אין אַמעריקע ניט געשען, די גרויסע מלחמה איז פאַרבייגעגאַנגען די [יידישע] בינע און האָט איר כמעט ווי גאָרניט אָנגערירט. ...דער איינפלוס פון דער מלחמה אויף דער יידישער בינע האָט זיך יאָ געלאָזט מערקן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. צוליב דער מלחמה איז די איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן און דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז דער יידישער טעאַטער איז אין גאַנצן געוואָרן אָפּהענגיק פון די שטענדיקע באַזוכער, און ווען זיי זיינען אין טעאַטער ניט געקומען, איז ניט געווען ווער עס זאָל פאַרנעמען זייערע רייען ...עס האָט זיך קלאָר און דייטלעך גענומען אַרויסווייזן, אַז די אָנגענומענע באַגריפן, די פעסטע כללים, דער גאַנצער שולחן ערוך פון דעם טעאַטער, האָבן באַנקראָטירט, און נאָך קלאָרער און דייטלעכער האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין דער בעסערער דראַמע.

דעם שווערסטן קלאַפּ האָבן געקראָגן אונדזערע גרויסע שטערן וועמענס נעמען זיינען געווען פאַרבונדן פון די פריערדיקע צייטן מיט דער בעסערער דראַמע .... זיי האָבן צוגעשריבן דעם תוהו ובוהו פון טעאַטער צו דעם, וואָס מיר האָבן ניט נאָך אַזאַ שרייבער, וואָס זאָל קאָנען שאַפן אַזעלכע פּיעסן ווי י. גאָרדין. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָנהאַלט אויפן טעאַטער פאַרלאָרן, און זיי האָבן קיינער ניט פאַרשטאַנען דעם צייכן פון דער צייט און האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי די פאַרעלטערטע מושגים [באַגריפן] און זיינען געגאַנגען מיטן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג.



...די שטערן, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף דער בינע און געוועלטיקט איבער איר אין אַ לאַנגען משך פון איבער דרייסיק יאָר, האָבן פּלוצלינג דערפילט, אַז זייער ממשלה האָט זיך געענדיקט. מרס. ליפּצין איז שוין ניט נאָר לאַנג געבליבן אָן אַ טעאַטער און אָן אַן אַנגאַזשמענט, נאָר זי איז שוין געוואָרן אינגאַנצן אויסגעשפּילט. דער קעניג פון דער בינע יעקב פּ. אַדלער איז געבליבן אָן אַ טעאַטער, און די דירעקטאָרן פון די אַנדערע טעאַטערס האָבן זיך ניט געאיילט צו אַנגאַזשירן אים ...דוד קעסלער האָט געהאַט אַ טעאַטער, וואָס איז לכתחילה געבויט געוואָרן פאַר אים און געטראָגן זיין נאָמען [„קעסלערס סעקאָנד עוועניו טעאַטער”], נאָר ער האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי ער פאַרלירט זיין פּובליקום ....דער סוף איז געווען, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין טעאַטער און שפּילן פאַר פרעמדע [דירעקטאָרן] פאַר שכירות. נאָר אַפילו דעמאָלט ווען דאָס אַלץ איז שוין געשען, האָבן זיי נאָך אַלץ ניט באַגריפן, אַז דער שולחן ערוך ביי וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי פעסט געהאַלטן, האָט שוין מער קיין ממשות ניט און זיי האָבן געקוקט אויפן נייעם עולם ווי משוגעים.

אין 1918 איז די דייטשע טרופּע, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געשפּילט אין „אירווינג פּלייס טעאַטער”, געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן איר טעמפּל פון קונסט און אויפגעבן איר שפּילן. צוליב דער מלחמה איז געוואָרן ניט זיכער פאַר דייטשע שוישפּילער צו ציען אויף זיך איבריקע אויפמערקזאַמקייט און צו פאַרשפּרייטן דייטשע קונסט. ...דער „אירווינג פּלייס טעאַטער” געפינט זיך עטוואָס אָן אַ זייט פון דעם יידישן טעאַטער־קוואַרטאַל [דעמאָלט אויף סעקאַנד עוועניו] און מען האָט גערעכנט, אַז עס איז זייער ריזיקאַליש צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ יידיש טעאַטער, נאָר דער יונגער אַקטיאָר מאָריס שוואַרץ האָט דאָ דערזען אַ געלעגנהייט צו ווערן דירעקטאָר און ער האָט אויסגעכאַפּט דעם דאָזיקן טעאַטער. זיין שטילער שותף אין דעם דאָזיקן טעאַטער איז געווען מאַקס ווילנער, אַן ערפאַרענער דירעקטאָר, נאָר דאָס איז געהאַלטן געוואָרן, צוליב געוויסע טעמים, בסוד, און פאַר דער וועלט האָט געהייסן, אַז מ. שוואַרץ איז דער איינציקער פאַראַנטוואָרטלעכער דירעקטאָר.”

**און דאָ באַשטעטיקט גאָרין דעם פאַקט וועגן דעם פּראָגראַם און די כוונות פון דעם טעאַטער:**

„קיין באַשטימטן פּראָגראַם האָט דער יונגער אַקטיאָר און אומדערפאַרענער דירעקטאָר ניט געהאַט, נאָר ער האָט געהאַט אַמביציע און ענערגיע. ער האָט באַצייטנס מודיע געווען, אַז זיין טעאַטער וועט זיך אָפּגעבן מיט בעסערע דראַמען, אָבער ער איז אויסגעוואַקסן אין דעם אַלטן הדר מיט אַ חשק צו דער בעסערער דראַמע, נאָר אָן אַ גלויבן אין דעם עולם, און אַזוי גיך, ווי ער איז געוואָרן דירעקטאָר, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין די טריט פון דוד קעסלער. דאָס הייסט, ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַזעלכע שטיקער, וואָס זאָלן זיין אַ קאָמפּראָמיס צווישן דער שרייענדיקער מעלאָדראַמע און דער שווערער בעסערער דראַמע, און פאַרשטייט זיך, ער האָט ניט געקאָנט האָבן קיין בעסערן מזל מיט אַזעלכע שטיקער ווי עס האָט געהאַט דוד קעסלער. אַזעלכע שטיקער האָבן קיינעם ניט צופרידנגעשטעלט.

און וואָס איז שייך צו בעסערע פּיעסן, איז ער ווידער געגאַנגען איבער דעם אויסגעטראָטענעם וועג. בעסערע פּיעסן האָט מען געזוכט אין דעם רעפּערטואַר ביי די אומות העולם. אַזוי האָט זיך נוהג געווען יעקב אַדלער בשעתו [אין זיין צייט]. אַזוי האָט געטאָן דוד קעסלער און אַזוי האָט אויך געטאָן מאָריס שוואַרץ. שוין פאַר

דעם ערשטן סעזאָן האָט ער צוגעגרייט אַ טוץ פרעמדע פּיעסן, נאָר דאָ האָט ער גיך אויסגעפונען, אַז דער עולם האָט אַ קנאַפּן חשק צו זען פרעמדע פּיעסן אין יידישן טעאַטער, ווייל עס ווערט קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט די נייטיקע אַטמאָספער און די שפּילער ווערן אין זיי פאַרלאָרן.

אַזוי ווייט האָט מאָריס שוואַרץ מיט זיין אמתער אייזערנער ענערגיע און גרויסע אַמביציע קיין זאַך ניט אויפגעטאָן, ווייל עס האָט אים פשוט געפעלט די קענטניש פון דער נייער בעסערע דראַמע; וואָס אַזוינס זאָל זיין די נייע בעסערע דראַמע און מיט וועלכע פאָדערונגען פון דעם שטאַנדפּונקט פון טעאַטער זאָל מען צו איר צוטרעטן, ווער איז דער נייער עולם און וואָס אַזוינס פאַרלאַנגט ער, וואָס וועט אים צופרידנשטעלן, פאַרוואָס איז די גאָרדינישע דראַמע, וועלכע האָט שוין געגוססט אין די לעצטע יאָרן פון גאָרדינס לעבן, געוואָרן אינגאַנצן אויסגעשפּילט און טויט פאַרן טעאַטער, און נאָך אַלעמען, איז נאָך פאַראַן אַזאַ עולם, וואָס פאָדערט אַ נייע דראַמע און איז דאָס ניט קיין איינגערעדטע מעשה, אַ קראַנקע־פאַנטאַזיע פון בטלנים? אויף די דאָזיקע אַלע פראַגן האָט ער לחלוטין קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן".

**אָסיפ דימאָוו איז מער אָפּטימיסטיש:**

„עפּעס נייעס, פרישעס, רייסט זיך אַריין אין דער אַטמאָספערע פון אונדזער טעאַטער. דאָס טעאַטער־פּובליקום האָט זיך געענדערט צום בעסערן. אַ סך אַלטע, פעסטע טעאַטער־טראַדיציעס זיינען אומדערוואַרטעט אָפּגעשאַפט געוואָרן ... עס האָבן אין אַ קורצער צייט אויפגעבליט אַסך פרישע טעאַטראַלע בלומען און פיל טעאַטראַלע שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן ... אַ סך רעפּוטאַציעס זיינען צו גרונט געגאַנגען, אָבער גיך, כמעט אומבאַמערקט, האָבן זיך באַוויזן אויף זייער אָרט נייע נעמען, נייע כוחות .... עפּעס ווי מיט אומבאַרמהערציקער, אָבער גערעכטער גרויזאַמקייט ... דאָס אָפּגעלעבטע, פאַרעלטערטע, גייט צו גרונט, און זיין אָרט פאַרנעמט דאָס נייע, דאָס יונגע ... אַזוי איז עס אין לעבן, אַזוי אויך אין דער קונסט. דער עולם איז מיט אַמאָל קאַלט געוואָרן צו זאַכן, וואָס זיינען פריער זיי געווען צום האַרצן ... פּיעסן, וואָס וואָלטן מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק אויסגענומען ביים עולם, זיינען איצט פולשטענדיק דורכגעפאַלן ... און דאָס וואָס האָט, דוכט זיך, ניט געקאָנט האָבן קיין דערפאָלג, איז דווקא יאָ געפעלן..."

**וועגן די מאָטיוון, וואָס האָבן דערפירט צו דער גרינדונג פון „קונסט־טעאַטער" שרייבט וואָלף מערקור:**

„מאָריס שוואַרץ האָט ... אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דער טעאַטער אין וועלכן ער האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין אָנהייב פון זיין קאַריערע ביז צום יאָר 1918, איז נישט וואָס ער האָט באמת געוואָלט. מען קאָן זיך אויסצייכענען אַפילו אין שאַבלאָנע ראָלן פון די נאַרישסטע מעלאָדראַמעס אָדער אָפּערעטעס. מען קאָן זיך אָנזעטיקן מיט אַפּלאָדיסמענטן און שבחים פון עולם, וואָס ווייסט נישט בעסער, אָבער אַן אַקטיאָר דאַרף האָבן העכערע פאַרלאַנגען, גייסטיקע כוונות. [מערקור ווייזט אָן, אַז שוואַרץ האָט דערגרייכט אָנערקענונג ביים עולם אַ סך פריער ווי אין דער פּראָפעסיע] ... ער איז אויפגעקומען אין אַ צייט ווען יעקב גאָרדין איז געווען הויכע ליטעראַטור, כאָטש מען האָט אויך אַריינגעבראַכט קלאַסיקער פון טעאַטער. ... שוין אין יענער צייט האָט ער געוואָלט זיך ראַטעווען פון דער קאַלוזשע. צו זיינע ערן־אָונטן האָט ער אויסגעקליבן ווערק פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. אין יאָר 1916





האָט ער, אונטער דער רעזשי פון מאָריס מאָריסאָן, געשפּילט „אָסוואַלד" אין ה. איבסענס „די גייסטער", אין 1917 איז ער אויפגעטראָטן אין פּשיבישעווסקיס „דער טאַנץ פון ליבע און טויט", און אין מערץ 1918 ווי „מעפיסטאָ" אין געטהעס „פאַוסט". אויב זיינע ערשטע שריט אין 1918 זיינען ניט געווען קיין זיכערע, האָט ער אָבער געוווּסט אויף וועלכן דרך ער וויל גיין. דאָס קלייבן פון פּיעסן צו זיינע ערן־אָונטן איז ניט געווען גלאַט אַ קאַפּריז, נאָר אַ באַגער זיך צו באַווייזן אין ראָלן צו וועלכע אַ שוישפּילער דאַרף צוטראָגן זיין אייגענע אויפפאַסונג, זיינע אויסטייטשונגען. נאָך אין אַנדערע טעאַטערס האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו רעזשיסירן. דאָס האָט געמיינט איינברעכן אַ כינעזישע וואַנט, זיך ראַנגלען מיט טראַדיציעס. פאַר זיין אייגן געלט האָט ער געקויפט עטלעכע פּראָיעקטאָרן ניט כדי צו באַלייכטן דעם „סטאַר", נאָר כדי אַרויסצוברענגען שטימונגען. .... ער האָט אָפּגעשאַפט די קאַלטענעוואַטע בערד, פאַרטיקע בערד, וואָס אַקטיאָרן פלעגן נוצן און פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן זיך קלעבן בערד צוגעפּאַסט צו זייערע ראָלן, וואָס זאָלן אויסקוקן ווי מענטשלעכע טיילן און ניט ווי פלעקער מיט צוגעטשעפּעטע בעזימס. ווי אַ רעזשיסער האָט ער באַקעמפט דעם מנהג פון אַקטיאָרן צו ריידן מיטן פּנים געווענדט צום עולם, נאָר, אַז זיי זאָלן דורכפירן זייערע סצענעס אויף דער בינע און זיך אַפילו ניט אומקוקן צום עולם, אַפילו אויב ווען זיי ווערן אין מיטן אַ סצענע אַפּלאָדירט. .... אין זיין רעזשי האָט ער ניט גלאַט בלויז איינגעפירט אַ סדר, אַז אַקטיאָרן זאָלן זיך ניט צוזאַמענשטויסן, נאָר אַז אַלץ זאָל האָבן אַ קינסטלערישן ריטם און אַ שכל".

**דוד דענק דערציילט ווי צו זיין ערן־אָונט האָט שוואַרץ אויפגעפירט און איז אויפגעטראָטן אין איבסענס „גייסטער" און פינאַנסיעל איז ניט געווען צו דעקן די קאָסטן פון דער פאָרשטעלונג. מאָריס שוואַרץ האָט נאָך געמוזט צוטראָגן פון זיין קעשענע גאַנצע פופציק דאָלאַר, אַ סומע, וואָס איז צו יענער צייט, געווען זייער גרויס, אָבער ס'האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. ס'איז אַ סברה, אַז שוין דאַן האָט מאָריס שוואַרץ געחלומט פון אַ בעסערן טעאַטער:**

„... מאָריס שוואַרץ האָט שוין געוויזן מיטן שפּילן „די גייסטער" און אַנדערע פּיעסן, איבערהויפּט צו די קאָנצערטן ווען ער איז אַרויסגעטראָטן, אַלעמאָל אין בעסערע זאַכן, און דערפאַר אפשר האָט ער געגומען חלומען פון אַ בעסערן יידישן טעאַטער. ס'איז אַפילו געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז פאַר אים גלאַט אַ טעאַטער וועט זיין ניט נאָר שווער צו קאָנקורירן, נאָר אונטער אַלע אומשטענדן וועט דאָס ניט טויגן, און צוליב אַ סך אַנדערע אורזאַכן. ערשטנס, וועט ער ניט קאָנען האָבן דעם געוווּנטשן רעפּערטואַר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יעקב פּ. אַדלער וועט אים ניט לאָזן שפּילן זיין רעפּערטואַר אין ניו־יאָרק. די אַנדערע פּיעסן האָט ער ניט געוואָלט און ניט געטאָרט שטעלן, און אויב שוין יאָ אַ נייעם רעפּערטואַר, פאַרוואָס ניט אַ בעסערן? און ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט מיט זיין שכל הישר און די פּראַקטיק, וואָס ער האָט שוין געהאַט איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב מאַכן, דאַרף דאָס זיין עפּעס אַנדערש, עפּעס נייעס, עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז גאָרניט געווען. ער מוז גיין אויף אַ נייעם וועג, און פאַר יענער צייט איז דאָס געווען זייער ריזיקאַליש. ...דערפאַר איז אפשר קיין וווּנדער ניט געווען, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט נאָר געוואָלט זיין מיט דעיוויד קעסלער, ווייל ביי דעיוויד קעסלער אין טעאַטער האָט

מען דאַך פון צייט צו צייט אויפגעפירט אַ בעסערע פיעסע פון זודערמאַן, אַש, גאָרדין, ליבין, קאָברין און אַנדערע באַרימטע שרייבער. מ׳האָט דאָרטן אַפילו געשפילט גאָרקי און אויך שעקספיר. ...אין אַזאַ צייט, שוין מיט יאָרן עקספּירענס, האָט זיך מאָריס שוואַרץ פאַרטראַכט וועגן אַ בעסערן יידישן טעאַטער, און וואָס שווערער ס׳איז אים אויסגעקומען דאָס צו פאַרווירקלעכן, אַלץ מער האָט ער דאָס געוואָלט באַוויזן ....אָבער ער האָט דערביי אַ סך געליטן, ווייסנדיק אַז מ׳האַלט אים פאַר אַ גוטן אַקטיאָר, נאָר ניט גענוג, אַז מ׳זאָל אים גלייבן, אַז ער איז ערנסט פאַר אַ בעסערן טעאַטער.

....צו דערגרייכן אַזאַ הויכע מדרגה מיט טאַלענט אַליין איז ניט גענוג.. ווייל אין זיין צייט זיינען געווען אויך אַנדערע, וואָס האָבן דאָס פאַרמאָגט, אַקטיאָרן מיט גרויס טאַלענט, און זיי האָבן דאָס ניט באַוויזן. מ׳דאַרף צו דעם פאַרמאָגן נאָך אַנדערע מעלות. מאָריס שוואַרץ האָט זיי געהאַט אין אַ פולער מאָס, און ביי אַ יעדער געלעגנהייט האָט ער דאָס אַרויסגעוויזן, און אויף אַ זייער גרויסן פאַרנעם. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפגעשטעלט, ווייסנדיק, אַז אַלץ, וואָס ס׳האָט צו טאָן מיט טעאַטער, מוז ער קענען, האָט ער אויף זיך געאַרבעט די גאַנצע צייט, ביז ער האָט זיך פאַרפולקומט כמעט אויף אַלע געביטן, וואָס ער האָט געוואָלט. זיין ציל איז געווען אַ ריכטיקער, ווייל מ׳קאָן זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, מעגלעך, אַז דאָס האָט אים אַזוי גרויס געמאַכט, און פאַר דער וועלט נאָך גרעסער.

צום טעאַטער־געשעפט איז מאָריס שוואַרץ געווען ווי געבוירן. ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דאָס צו פירן, געווען קלוג צו וויסן ווי צו האַנדלען מיט אַ יעדן באַזונדער ....און ווי גוט ער האָט געקענט דאָס טעאַטער, האָט ער נאָך בעסער געקענט די אַקטיאָרן. ...מ׳קאָן זאָגן, אַז כמעט אויף אַ יעדן געביט אין דער פראָפעסיע איז שוואַרץ צוגעטראָטן מיט זיכערקייט. דערפאַר האָט זיך קיינער ניט געקאָנט שטעלן קעגן אים ...זיין פאַרשטאַנד האָט ניט געלאָזט דעם אַקטיאָר עקספּלאָאַטירן. זיין אַרטיסטיש וויסן האָט אַפילו אַלעמען צופרידנגעשטעלט ...מאָריס שוואַרץ האָט אויך געוווּסט, אַז מ׳וויל זיין „אַ פערפעקציאָניסט", מוז מען האָבן די בעסטע, וואָס זיינען פאַראַן אין דער פראָפעסיע, און מיט אַזעלכע האָט ער זיך אַלע מאָל אַרומגערינגלט. ביי אים זיינען אַלע מאָל געווען די בעסטע פאַכלייט, אַזעלכע וועלכע האָבן גוט פאַרשטאַנען טעאַטער. דערפאַר האָט ער אין יעדן „דעפאַרטאַמענט" געהאַט די בעסטע בעלי מלאכות. נאָר אַזוי איז פאַר אים מעגלעך געווען צו אַרבעטן רו:ק, סיי אויף זיך, סיי אויך אויף זיינע אויפפירונגען, דאָך האָט ער אין גאַנצן זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזט, זייער אָפט איז ער אויסגעוואַקסן דאָרט ווו מ׳האָט זיך אויף אים ניט געריכט. ער איז קיינמאָל ניט געווען זיכער אויב די אַרבעט גייט נאָך זיין פלאַן, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער בינע, אַלץ באַטראַכט, זיך אַ פאָר מאָל אָפגעשטעלט און אַלץ באַטאַפט, אויסגעבעסערט אַ סך קלייניקייטן און ביז ער האָט ...פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף אַזוי זיין, האָט ער ניט פאַרלאָזט דאָס טעאַטער. ער האָט אין זיך איינגעזאַפט אַ וועלט מיט וויסן, און האָבנדיק אַ קלאָרן פאַרשטאַנד מיט זיין גרויסן טאַלענט, האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ גרויסע זאַך, און די מעלה האָט נאָר געהאַט אין מאָריס שוואַרץ."

**א. ה. ביאַלין אין זיין בוך „מאָריס שוואַרץ און דער אידישער קונסט טעאַטער" שילדערט אַזוי דעם צוגאַנג צום „קונסט טעאַטער":**



„צווישן די יונגע שוישפילער האָט זיך שוואַרץ נאָך אין זיינע יונגע יאָרן אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַלס אַ מענטש מיט גרויס אַמביציע. ער האָט מער פון אַנדערע זיך אָנגעזעען אַלס שוישפילער מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן אַמפלואַ, מיט אַ ווילן פאַר בעסער טעאַטער. ....שוואַרץ איז אַ פשוטער פאָלקס־מענטש. ער קומט ניט פון קאָנסערוואַטאָריעס, פון דראַמאַטישע שולן, ער איז ניט אָנגעלייענט מיט טעאַטער־ביכער, ניט אָנגעבלאָזן מיט טעאָריעס. ער קומט פון אַ שמאַטע־פאַבריק, ווו ער האָט ייִנגלווייז געשקלאַפט. ער איז נאָכדעם געוואָרן אַ מיטגליד אין איינעם פון די יידישע אומבאַטייטנדע דראַמאַטישע קלובן מיט וועלכע ניו־יאָרק איז דעמאָלט געווען פול. דאָרט אין דעם „דראַמאַטישן קלוב", וועלכער האָט מער זיך געשפילט אין טעאַטער ווי געשפילט טעאַטער, האָט שוואַרץ אָנגעהויבן זיין שוישפילערישע קאַריערע. [ב. שילדערט דעם כאַאָטישן מצב פון יידישן טעאַטער] דאָס איז געווען דער טעאַטער, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט, און דאָס איז געווען די שול אין וועלכער שוואַרץ האָט געלערנט.

דאָס איבעראַשט, ווייל צו די אויפפירונגען פון יידישן קונסט טעאַטער וועלכן מיר זעען, דאַרף מען האָבן אַ טיפן פאַרשטאַנד און אַ הויכע מדרגה פון קולטור. עס איז ניט גענוג צו זיין נאָר אַ גוטער שוישפילער און האָבן אַ חוש פאַר טעאַטער. טעאַטער איז אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקע און קאָמפליצירטע קונסט, אַז עס פאָדערט זיך דערצו אַ סך וויסן. מען דאַרף קענען יידישע געשיכטע, האָבן אַ ידיעה אין פאָלקלאָר, וויסן דעם שטייגער־לעבן פון פאָלק, מען דאַרף פאַרשטיין מוזיק, מאָלעריי, טענץ. מען דאַרף האָבן אַ שאַרפן חוש פאַר די נייע ריטמישע באַוועגונגען און טענער, וואָס ווערן אַריינגעבראַכט אין מאָדערנעם טעאַטער. פון וואַנען האָט זיך דאָס אַלץ גענומען צו דעם איינפאַכן פאָלקס־מענטש מאָריס שוואַרץ? שוואַרץ פאַרמאָגט ניט בלויז אַ קינסטלערישן חוש, נאָר אויך אַ געבוירענעם אינטעלעקט, אַ גוטן זכרון און אַ פעיקייט צו לערנען דאָס, וואָס אים איז נייטיק, מיט אַן איבעראַשענדער שנעלקייט. ער איז באַלאָדן מיט יענעם געזונטן כוח פון אַ שעפערישן פאָלקס־מענטש, וואָס ברענגט אַרויס ניט בלויז זיינע אייגענע כוחות, נאָר אויך די, וואָס ליגן באַהאַלטן טיף אין דער נשמה פון זיין פאָלק. דער טעאַטער, וואָס איז דער בעסטער קינסטלערישער אינסטרומענט אַרויסצוברענגען אָט די כוחות, איז פאַר שוואַרצן דער סטימול פאַר זיינע וווּנדערבאַרע אויפטוווּנגען.

שוואַרץ איז ניט צוגעקומען צום יידישן קונסט־טעאַטער מיט אַ קלאָרן בליק און פולן באַוווּסטזיין וועגן דעם וואָס ער וויל. ניט נאָר האָט מען באַדאַרפט אַ שוואַרץ, ער זאָל אויפבויען אַ קונסט־טעאַטער. מען האָט אויך באַדאַרפט אַ קונסט־טעאַטער, וואָס זאָל אויפבויען שוואַרצן, און שוואַרץ איז בויענדיק דעם קונסט־טעאַטער, אַליין אויפגעבויט געוואָרן. דער אָנהייב איז דערפאַר געווען אַזוי אומבאַשטימט, אַזוי זיג־זאַגיק. אין דעם רעפערטואַר זיינען געווען הירשביין און באָטווינניק, לייוויק און אַדערשלעגער, משה נאַדיר און שאָמער. די אויפפירונגען אויך אַזוי, אַמאָל אָרעם און בלאַס. די גאַנצע פיעסע ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף דעם שוישפילערישן עלעמענט. אַמאָל פאַרכאַפט זי מיט די וווּנדערבאַרע איינפאַלן, אַמאָל האַלט זי זיך בלויז אויף דעם גערעדטן וואָרט און אַמאָל ווערט געשפילט מיט אַלע מעגלעכע ניואַנסן און שאַטירונגען. און עס איז ניט קיין ווונדער, וואָס דער אָנהייב איז געווען אַזוי אומבאַשטימט. טעאַטער איז זייער אַ ברייטער באַגריף. אַלץ איז טעאַטער, טעאַטער איז דער בורלעסק, וואָס רייצט מיט אַ נאַקעטן פוס און „קאָמעדי

פראַנסעי" מיט דער קלאַסישער דראַמע. טעאַטער איז דער וואָדעוויל מיט די אַקראָבאַטישע קונצן און ריינהאַרדטס זאַלצבורגער פעסטשפּילן. שוואַרץ האָט געהאַט ווילנס־קראַפט און אַמביציע, אָבער וואָס צו טאָן האָט ער ניט געוווּסט. ביי וועמען צו לערנען האָט ער ניט געהאַט. ער האָט אַליין פאַר זיך געדאַרפט געפינען אַ וועג, איז ניט קיין ווּנדער, וואָס ער האָט אַ סך געבלאָנדזשעט. ווען שוואַרץ האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין „אירווינג פּלעיס טעאַטער", האָט אין יידישן טעאַטער געקעניגט די מעלאָדראַמע, און די ערשטע טיר, וואָס שוואַרץ האָט אַן עפן געטאָן, איז אויך געווען צו דער מעלאָדראַמע, צו ז. ליבינס אַ פּיעסע. דער אָנהייב איז ניט געווען קיין דערפאָלג. ער האָט מיט ליבינס פּיעסע ניט געקאָנט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די איבריקע מעלאָדראַמעס. דער דורכפאַל איז געווען זיין ערשטער לערער, וואָס האָט אים געלערנט, אַז יענער וועג טויג ניט".

**צילי אַדלער אין אירע זכרונות גיט איבער די הינטער־קוליסן־געשיכטע אין שילדערט אַזוי די סיטואַציע, וואָס האָט דערפירט צו דער גרינדונג פון דעם שפּעטערדיקן „יידישן קונסט טעאַטער":**

„די צווייטע העלפט פון סעזאָן 1917־1918 זיינען אין קעסלערס סעקאָנד עוועניו טעאַטער פאַרזייט געוואָרן די ערשטע זוימען, וואָס האָבן געפירט צו אַ נייער עפּאָכע אין יידישן טעאַטער. . . . נאָך אין מיטן פון יענעם לעצטן סעזאָן אין קעסלערס טעאַטער האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז עס איז ניטאָ קיין שלום־בית אין סעקאָנד עוועניו טעאַטער. מאַקס ווילנער, וועלכער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אַלס געשעפטס־פירער און טעאַטער־אונטערנעמער, איז געווען דוד קעסלערס אַ שטיף־זון. האָט זיך עס אָנגעהויבן ווי אַ פאַמיליען־קריג. ווילנער, אַלס יונגער געשעפטסמאַן, איז געווען פאַראינטערעסירט אין יידישן טעאַטער אַלס געשעפט. ער האָט ניט געהאַט קיין שום סענטימענטן פאַרן יידישן טעאַטער אַלס אינסטיטוציע און אודאי ניט קיין שום באַציונג צו די גרינדער און בויער פון וועלכע קעסלער איז געווען אַזאַ וויכטיקער מיטגליד. ווען די געשעפטן מיט קעסלער און זיין טעאַטער זיינען אין די לעצטע עטלעכע יאָר געווען זייער געשלאָגן, האָבן זיי זיך פאַרשולדיקט אין שווערע צענדליקער טויזנטער דאָלער . . . איז געקומען צו האַרבע רייד און קריגערישע סצענעס צווישן ווילנערן און קעסלער . . . דער קלימאַקס איז געקומען ווען ווילנער האָט אין זיין קאַלטער פּראַקטישקייט אַרויסגעזאָגט זייער קלאָר און פּשוט, אַז קעסלער איז אַ שטערונג צום טעאַטער־געשעפט, אַז ער איז אויסגעשפּילט און [האָט אים] בכלל אים אַזוי דערנידריקט אין דער אַנוועזנהייט פון זיין משפּחה, אַז קעסלער האָט אין זיין אויפרעגונג אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ סצענע האָט מער קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון ווייטערע געשעפטלעכע באַציונגען צווישן ווילנערן און קעסלערן. די דריקנדיקע חובות האָבן עס געמאַכט אומעגלעך, אַז קעסלער זאָל אַליין איבערנעמען דאָס טעאַטער. ווילנער, פאַרקערט, ווי אַ יונגער געשעפטסמאַן, איז גרייט געווען אַרויסלאָזן קעסלערן פון טעאַטער און איבערנעמען אויף זיך אַלע אחריותן און אַלע חובות. . . . די טעאַטער־שרייבער האָבן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט מיט נייעס פון פּאָליטישן טעאַטער־קעסל. „. . . קעסלער וויל אַוועק פון טעאַטער צוזאַמען מיט זיין נאָמען [פאָדערט אַראָפּצונעמען דעם נאָמען 'קעסלערס סעקאָנד עוועניו טעאַטער' פון דער שילד איבערן





טעאַטער]" . . . דערווייל פירט מען אויף אַ נייע פּיעסע אונטער דער דירעקציע פון מאָריס שוואַרץ. שוואַרץ און בערנאַרד בערנשטיין זיינען די הויפּט־ראָליסטן פון דעם נייעס שטיק וועלכע הייסט „זיין איינציקער חבר" און איז פאַרפאַסט פון אַן אַקטיאָר שלמה שטיינבערג.

. . . ווילנער האָט אין שוואַרצן דערזען דעם פּאָטענציעלן כוח צו ווערן אַ סטאַר. אים האָט אימפּאָנירט שוואַרצס אַמביציע, זיין יוגנטלעכער פייער, זיין שטאַרקער גלויבן אין זיך, זיין פעיקייט אויך אַנדערע צו מאַכן גלייבן אין זיין כוח און זיי אַנצינדן מיט זיין באַגייסטערונג פאַר זיינע געפּלאַנטע גרויסע אויפטוען. מיט איין וואָרט, ווילנער האָט אין שוואַרצן דערזען דעם גרויסן געווינס פאַר זיין געשעפטלעכער צוקונפט אין יידישן טעאַטער. ער האָט דערפאַר תיכף ווי נאָר ער האָט קעסלערן באַזייטיקט פון זיין טעאַטער, געמאַכט שוואַרצן פאַר זיין רעכטער האַנט. ער האָט אים איבערגעגעבן די בינע־דירעקציע פון סעקאָנד עוועניו טעאַטער ביז ענדע סעזאָן. אַ געלעגנהייט פון וועלכער ער האָט געחלומט. ווילנער קאָן אים שטעלן אויף די פיס ...ער האָט מיט זיין גאַנצער ענערגיע דאָס אויפגעכאַפּט און אויסגענוצט. חוץ דער געלעגנהייט פון קעסלערס באַזייטיקט ווערן פון טעאַטער און פון ווילנערס צוטרוי צו אים, האָט זיך אויך באַוויזן די געלעגנהייט צו קריגן אין גלייכן געלט דעם פרעכטיקן אירווינג פּלעיס טעאַטער. דער טעאַטער איז געווען ווי געוווּנטשן פאַר אַן אינטימען דראַמאַטישן טעאַטער. שוואַרץ האָט מיט ענערגישן פיבער דעם אייגנטימער פון טעאַטער אָנגעשטעקט מיט זיין ווייטער וויזיע, און אים איז געלונגען דאָס טעאַטער צו קריגן.

. . . עס איז אודאי געווען אַ געוואַגטער שריט אין יענע יאָרן צו עפענען אַ יידיש טעאַטער אין אירווינג פּלעיס, אויף דער 15טער גאַס. אונדזער טעאַטער־[וועזן] איז דאַן געווען קאָנצענטרירט צווישן גרענד סטריט און דער צווייטער גאַס, אויף דער בויערי און סעקאָנד עוועניו. די סטאַבילע טעאַטער־אונטערנעמער, פּאַרוואַלטער און סטאַרס האָבן דערויף געקוקט ווי אויף אַ ווילדער אַוואַנטורע. „דער יידישער עולם וועט ניט גיין אַזוי ווייט בפרט אָן אַ פּאַטענטירטן סטאַר" האָבן זיי געחוזקט פון די יונגע צוציקעס, און מיט פרייד זיך שוין געגלעט די בייכלעך ביי זייער נבואה, אַז דער גאַנצער ענין וועט אינגיכן פּלאַצן ווי אַ זייפן־בלאָז . . . שוואַרץ און ווילנער אָבער האָבן אָבער געהאַט דעם מוט צו וואַגן און אַזוי שנעל ווי דער „ליס" אויף דעם אירווינג פּלעיס טעאַטער איז אונטערגעשריבן געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן אויף אַ גרויסן אופן צו פּראָפּאַגאַנדירן און באַקענען דעם עולם מיט דעם נייעם אויפטו זייערן."

## דער אַני מאַמין פון טעאַטער

**אין אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" א'נ „קען מען אין ניו יאָרק אויסגעהאַלטן אַ בעסערן טעאַטער?", שרייבט מאָריס שוואַרץ:**

„. . . שוין מער ווי 2 יאָר, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט דעם פּלאַן צוזאַמענצושטעלן אַ טרופּע, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן צו שפּילן גוטע, ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זאָלן זיין אַ כבוד פאַרן יידישן טעאַטער. . . . . איך האָב מיט איניקע שוישפּילער גערעדט, וועלכע [און זיי] זיינען געוואָרן באַגייסטערט פאַר דער אידעע, צווישן זיי אויך איניקע שרייבער, קריטיקער און דראַמאַטורגן. מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, געמאַכט מיטינגען, אויסגעאַרבעט פּלענער